בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

## חג הסוכות תשע"ז

### ראשון לחשבון עונות

וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן פְּרִי עֵץ הָדָר: (ויקרא כ"ג מ') וכי ראשון הוא והלא חמשה עשר הוא – איז דען סוכות אין ערשטן טאג פון חודש– אלא ראשון לחשבון עונות, –ראשון מיינט אז יעצט הויבט זיך אן די חשבון פון עבירות ווייל וואס מען האט געטאן ביז יעצט איז שוין פארגעבן געווארן– (מדרש תנחומא פרשת אמור) דער מדרש ווערט אויך געברענגט אין טור (או"ח סי' תקפ"ט) וואס איז מסביר דעם ראשון לחשבון עונות, וז"ל ביום הכפורים הכל מתענין ומוותר להם הכל, במוצאי יום הכפורים עוסקים במצות סוכה ולולב ואין עושין עונות, לכך קורא יום טוב ראשון, ראשון לחשבון עונות עכ"ל, וואס דאס אליין אז דאס איז געברענגט אין טור אלץ הלכה למעשה איז מחייב עפעס, למעשה די הייליגע ספרים זענען פול מיט דרשות אויף דעם ראשון לחשבון עונות, וואס איז נוגע פאר אונז קען מען זאגן אז עס שטייט פון הייליגן צדיק ר' דוד'ל מטאלנא זצוק"ל אז מען זעהט פון דעם טור ווי חשוב איז א הכנה פאר א מצוה, אין זיין בחינה קען מען זאגן אז פסח און סוכות זענען דאך גלייך אין דעם פרט פון גרויסע הכנות צום יו"ט, פסח איז דער הכנה ריייניגן פון חמץ און באקן די מצות, אבער ביי סוכות איז דא די בויען א סוכה מיט אלע דינים און אויס קלייבן די ד' מינים, וואס נעמט אסאך צייט און כוחות, דאס קען זיין פשט אין טור וואס ער רעכנט אויס "עוסקים במצות סוכה ולולב" וואס פאדערט א גאר גרויסע הכנה, און א הכנה למצווה איז גאר חשוב וועגן דעם איז שוין דא די גמר פון כפרה, דעריבער איז וועגן די הכנה צו סוכות, ראשון לחשבון עונות. אין הייליגן ספר בית אהרן קארלין ברענגט אסאך מאל אז די הכנה צו א מצוה איז גאר גרעסער פון די מצוה. נאך א טיפע נקודה ברענגט דער הייליגער ישמח ישראל פון אלכסנדר זצוק"ל אז סוכות ווערט אנגערופן זמן שמחתינו ווייל סוכות איז ראשון לחשבון עונות, דאס מיינט א מענטש האלט יעצט אין א מצב פון טראכטן וויפיל עבירות ער האט געטאן און דאס ברענגט אריין אין אים א שפלות, ממילא ווערט דער מענטש בשמחה, אבער דער מענטש וואס איז גרויס ביי זיך ער איז קיינמאל נישט צופרידן, קען ער נישט זיין בשמחה עכ"ד, און עס איז באקאנט די ווארט פון צדיקים אז אתרוג איז די ר"ת אַל־תְּבוֹאֵנִי רֶגֶל גַּאֲוָה –דאס איז אן א וא"ו אבער דער ווארט וְיַד איז מצרף צו דעם– דעריבער קען זיין אז די ווארט בשמחה איז די זעלבע אותיות פון מחשבה, אז מען האלט ביי מחשבה וואס מיינט חשבון וועט מען ווערן בשמחה. (שמח זבולון)

### דרוש וועגן די סוכה ביי אברהם און די מלאכים

וְהִשָּׁעֲנוּ תַּחַת הָעֵץ: (יח ד) שטייט אין פייט פון יום ב' דסוכות –וואס רב אלעזר הקאליר האט מחבר געווען– אֵלִים כְּהִשְׁעִין אָב תַּחַת עֵץ סוּכָּה, איז מסביר דער מטה לוי, אֵלִים, די מלאכים, אָב, מיינט ווען אברהם אבינו, כְּהִשְׁעִין, האט געמאכט די מלאכים אנליינען, תַּחַת עֵץ סוּכָּה, אונטערן בוים און זיי זענען געזעצן אונטערן בוים אזוי ווי אונטער א סוכה. איז שווער אז אין (או"ח סי' תרכ"ו) שטייט אין עושין סוכה תחת האילן, נאר עס איז דא א עצה אז מען נעמט די צווייגן פון בוים און מען לייגט זיי צוזאמען מיט די כשר'ע סכך. און די גמ' (ראש השנה דף י"א.) זאגט אז ווען אברהם האט אנגעליינט די מלאכים אונטערן בוים איז דאס געווען אין סוכות, [זעט דארטן תוספות] אויב אזוי האט דאך אברהם אליין געדארפט האבן א כשר'ע סוכה, אויב אזוי פארוואס האט ער זיי נישט אריין גענומען ביי זיך אין סוכה? נאר רש"י זאגט דִכְעַרְבִיִּים נִדְמוּ לוֹ, קומט אויס אז אברהם האט געהאט א ספק צו די געסט זענען מלאכים, אדער זיי זענען אַרַעבֶער, אדער אפשר גֵרים, און אויב זיי זענען גויים איז נישט כדאי זיי אריין ברענגען אין א סוכה, אזוי ווי מען זעט אין (מס' כלים פ"א מ"ח) אז דער חִיל הַמִּקְדָּשׁ – 10 אמה פאר די בית המקדש ביז דער סוֹרֵג–, איז קודש און א גוי טאר דארטן נישט גיין, איז אזוי איז א סוכה הייליג ווי דעם חִיל און א גוי טאר דארטן נישט אריין גיין, ממילא האט אברהם אבינו געזוכט א עצה אריינעמען די געסט, איז אים איינגעפאלן ער וועט אראפלאזן די צווייגן פון בוים און צאמלייגן מיט די כשרע סכך וועט זיין רוב כשרע סכך און די צווייגן וואס זענען וויניגער וועט ווערן בטל צו די רוב כשרע סכך, אבער דער דין איז נאר ביי א איד, ממילא אויב די געסט זענען אידן איז דאס א כשרע סוכה, אבער ביי א גוי שטייט פון פרי מגדים אין זיין ספר תיבת גומא פ' נח, אז ביי א גוי איז נישטא דער דין פון ביטול ברוב, ממילא אויב זיי זענען גויים איז די סוכה א פסולה און מען מעג אריינעמען דארטן א גוי. (חקל יצחק ספינקא פ' וירא)

### טעם פון חילוק הנוסח אושפיזין לפי אריז"ל און אשכנז

ביי כלל ישראל איז אנגענומען אז סוכות קומען די אושפיזין – אורחים – צו אונזערע סוכות און עס איז דא א סדר וועלכע טאג קומען דעם אושפיזא, און דעריבער לאדענט מען זיי איין און מען זאגט ווען מען קומט אין סוכה: עוּלוּ –קומט אריין– אוּשְׁפִּיזִין עִלָּאִין קַדִּישִׁין, עוּלוּ אֲבָהָן עִלָּאִין קַדִּישִׁין, לְמֵיתַב בְּצִלָּא דִמְהֵימְנוּתָא עִלָּאָה, בְּצִלָּא דְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא. לֵעוּל אַבְרָהָם רְחִימָא, וְעִמֵּיהּ יִצְחָק עֲקִידְתָּא, וְעִמֵּיהּ יַעֲקֹב שְׁלִמְתָּא, וְעִמֵּיהּ יוֹסֵף צַדִּיקָא, וְעִמֵּיהּ מֹשֶׁה רַעְיָא מְהֵימְנָא, וְעִמֵּיהּ אַהֲרֹן כַּהֲנָא קַדִּישָׁא, וְעִמֵּיהּ דָּוִד מַלְכָּא מְשִׁיחָא. בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ, תִּיבוּ –זעצט זיך אראפ– אוּשְׁפִּיזִין עִלָּאִין תִּיבוּ, תִּיבוּ אוּשְׁפִּיזֵי מְהֵימְנוּתָא תִּיבוּ. תִּיבוּ תִּיבוּ אוּשְׁפִּיזִין עִלָּאִין, תִּיבוּ תִּיבוּ אוּשְׁפִּיזִין קַדִּישִׁין. תִּיבוּ תִּיבוּ אוּשְׁפִּיזִין דִּמְהֵימְנוּתָא, תִּיבוּ בְּצִלָּא דְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא. אן דערנאך זאגט מען: אֲזַמִּין לִסְעוּדָתִי אוּשְׁפִּיזִין עִלָּאִין אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב יוֹסֵף מֹשֶׁה אַהֲרֹן וְדָוִד, דאס איז די סדר פון די אושפיזין וואס דער וועלט אין נוסח אשכנז פירן זיך אזוי צו זאגן, און באמת איז דאס דער ריכיגע סדר לויט די סדר הדורות אז יוסף איז פאַר משה. אבער דער הייליגער אריז"ל האט איינגעפירט דעם סדר אנדערשט: אֲזַמִּין לִסְעוּדָתִי אוּשְׁפִּיזִין עִלָּאִין אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב מֹשֶׁה אַהֲרֹן יוֹסֵף וְדָוִד. אז יוסף איז נאך משה און אהרן. [און באמת על פי די סדר פון די זיבן ספירות וואס זענען חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד און מלכות, –חג"ת נהי"ם– שטימט גוט דעם סדר פון אריז"ל, ווייל אברהם –איז חסד, יצחק – איז גבורה, יעקב – איז תפארת, משה –

איז נצח, אהרן – איז הוד, יוסף – איז יסוד, דוד – איז מלכות. און בפרט אז יוסף איז משפיע די אלע השפעות אויף דעם וועלט אזוי ווי עס שטייט (בראשית מב ו) וְיוֹסֵף הוּא הַשַּׁלִּיט עַל־הָאָרֶץ הוּא הַמַּשְׁבִּיר לְכָל־עַם הָאָרֶץ, און דוד איז דאך דער מקבל די השפעות און אלץ מלך טיילט ער דאס אויס, דעריבער שטייט יוסף גלייך פאר דוד. המו"ל]

נאר מיר ווייסן דעם כלל אלו ואלו דברי אלקים חיים, ממילא קענען מיר ברענגען א ראיה צו ביידע וועגן פון דעם זעלבן פסוק וואס שטייט אין (בראשית מ"ח ג) וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אֶל־יוֹסֵף אֵל שַׁדַּי נִרְאָה־אֵלַי, דא שטייט דער סדר יעקב נאכדעם יוסף, און א–ל שדי איז די בגימטריא: משה = 345, און דער ווארט נראה איז די אותיות אהרן. זעהט מען אין פסוק דעם סדר יעקב יוסף משה אהרן. דעם זעלבן פסוק איז אויך דא מרומז שיטת האריז"ל ווייל ויאמר יעקב אל יוסף, יעקב זאגט צו יוסף אז "א–ל שדי נראה" וואס דאס איז משה און אהרן ווי פריערט געזאגט, אז זיי געהער אלי צו מיר דאס מיינט נאך מיר זאל זיין משה און אהרן און נאכדעם יוסף. ממילא ביידע שיטות זענען גערעכט. (שמעתי)

## מדור העובדות

## קפיצת הדרך ב"ים "יטב לב כדי פארן צום צדיק דער דברי ח"ים אויף סוכות

איינמאהל איז אויסגעפאלן יוה"כ מיטוואך און ערב סוכות איז געווען זונטאג. [אזוי ווי דעם יאר תשע"ז] דער הייליגע קדושת יו"ט הרה"ק ר' חנניה יו"ט ליפא ט"ב פון סיגעט זצוק"ל האט זייער געוואלט זיין אין צאנז ביים הייליגן דברי חיים זיע"א אויף סוכות. דעריבער האט ער מחליט געווען אז מיטוואך נאכט מוצאי יום הקדוש וועט ער ארויס פארן מיט א חבורה פון זיינע חסידים פון סיגעט, און אזוי וועלן זיי אנקומען גענוג פרי קיין צאנז אויף יו"ט סוכות, און אזוי האבן זיי געטאן אבער דער וועג האט זיך געמאכט א שווערע און ערשט ערב שבת זענען זיי אנגעקומען קיין באַרדיוב. דער באַרדיובער רב הרה"ק ר' משה הלברשטאם זון פון הרה"ק ר' ברוך מגארליץ זון פון הייליגן צאנזער רב זצוק"ל, האט איינגעלאדנט דעם קדושת יו"ט און זיינע חסידים אויף שבת, ער האט אים געפרעגט וואו ער גייט? האט ער אים געזאגט אז ער וויל זיין אין צאנז אויף סוכות! די באַרדיובער רב האט געזאגט אז עס איז אומעגליך אנצוקומען אויף צאנז נאך פארן יו"ט און ער בעט אים אז ער זאל בלייבן אויף יו"ט סוכות ביי אים, און ער זאל פארן חוה"מ אויף די לעצטע טעג. אבער דער קדושת יו"ט האט זייער שטארק געוואלט פָארן קיין צאנז און ער איז ארויס מוצאי שבת זוכן א בעל עגלה, קיינער האט נישט געוואלט פָארן ווייל עס איז געווען ערב סוכות און אלע ווילן זיין אין שטוב אין יו"ט, ביז ער האט צוגעזאגט איינעם אסאך געלט און יענער האט מסכים געווען צו פָארן.

אבער א גרויס חלק פון די חבורה חסידים האבן מחליט געווען אז זיי ווילן זיך נישט בלייבן שטעקן אין וועג, און וואס איז שלעכט צו זיין ביי אזא צדיק אין באַרדיוב, און זיי זענען געבליבן אין באַרדיוב אויף סוכות. אבער א קליין חלק חסידים האבן געהאט אמונה אין רבין אז מען וועט קענען אנקומען אין צאנז פאר יו"ט און זיי זענען מיט געפארן. דער בעל עגלה הייבט אן צו פָארן און מען זעט ווי די פערד פליען חוץ לדרך הטבע, זיי האבן געזען מיט זייערע אויגן קפיצת הדרך, און אזוי זענען זיי אנגעקומען קיין צאנז ממש א פָאר מינוט פַאר יו"ט. זיי זענען שנעל געלאפן צו זייער אכסניא אראפצולייגען זייער פעקלאך און זיך געשטעלט דאווענען. דערווייל האט שוין דער הייליגע צאנזער רב געענדיגט דאווענען אבער ער האט געשפירט אז די חשובע געסט זענען אנגעקומען, און הגם זיין מנהג איז געווען אז ער איז אריין אין זיין חדר גלייך נאכן דאווענען, אבער דא האט ער געווארט און ווען זיי זענען אנגעקומען אין שול האט דער צאנזער רב זיך זייער געפרייט מיט זיי, און ער האט געזאגט צום קדושת יו"ט בזה הלשון "אבער ביסט גוט געפארן!" און נאך דעם איז ער אריין און זיין חדר.

נאך יו"ט האט דער קדושת יו"ט דערציילט פאר זיין הייליגן טאטן דער ייטב לב וואס האט פאסירט, האט אים דער ייטב לב געזאגט אז אויך ביי מיר און ביים הייליגן זיידן דער ישמח משה האבן מיר געהאט קפיצת הדרך, ממילא איז נישט קיין חידוש אז ביי דיר זאל אויך זיין קפיצת הדרך: איינמאהל האט מען מכבד געווען דעם ישמח משה מיט סנדקאות אין א דארף לעבן אוהעל ערב שבת, און דער ישמח משה האט זיך געפירט אז ער פארט נישט ערב שבת נאך חצות, האט ער געזעהן ווי עס האט זיך געצויגן האט ער געהייסן מען זאל צו איילן די סעודה און גלייך בענטשן אז ער זאל קענען אנקומען קיין אוהעל פאר חצות, האט דער הייליגער ישמח משה זיך אנגערופן אז די גאנצע וועג האט ער געזעהן א מענטש אנגעטאן מיט ווייסע בגדים און ער האט געטריבן די פערד און געשריגן שבת שבת! און אזוי זענען זיי אנגעקומען אין אוהעל פאר חצות. האט דער ייטב לב זיך אנגערופן צום קדושת יו"ט אז ער האט זוכה געווען צו זען דער מלאך פון קפיצת הדרך און ער האט אויסגעזען פונקט ווי דער מענטש וואס האט געטריבן די פערד און געשריגן שבת שבת!


**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן**

*מחזור לימים נוראים ולימים טובים נוסח ספרד דפוס זיטאמיר שנת תרכ"ד זייער זעלטן שיינע מצב און געבונדן $7500, מכתב חריף שתי מילים עם חתימה מבעל דברי חיים $50000, תשובה צוויי זייטן אן א חתימה פון הייליגן ערבי נחל $20000, 5 בריוו פון ר' עקיבא איגר $150000, שו"ת נודע ביהודה מהדו"ת דפוס ראשון שייך להגה"ק ר' יוסף בוימגארטן אב"ד שיף שול ווין מצב מפואר $2000, טל חיים ליסקא שייך להרה"ק ר' יהושע הלברשטאם מדאלינא $1000, פינקס צדקה כתב יד פון הגאון ר' הענקין שנת תרפ"ד ברענגט אלע אדמורי"ם און גדולי הראשי ישיבות וויפיל זיי באקומען און ווען וואס זיי דארפן געלט, חפץ חיים, בריסק, ר' אלחנן, גוט אדמו"ר צאנז, ר' חנה, ראצפערט, שינאווע, און נאך און נאך $6500, תשובה בכתב יד הגה"ק ר' יעקב עמדין וחזרת התשובה אליו מהר' משה חאגיז. $75,000 מכתב מבעל קדושת ציון מבאבוב עם חתימת רמ"ם מהושיבה עץ חיים $12000*

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת

שיינע אתרוגים פון ארץ ישראל און דרי לולבים מיט הדסים פון צפת. שוין 30 יאר די בעסטע באדינונגען פון 11 ביז 9